**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט נייע איניציאטיוון אראפצוקלאפן ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי און באשיצן פארנט-ליניע איינגעשטעלטע אין דעם FY25 בודזשעט

***בודזשעט צושטימונג נעמט אריין $40.2 מיליאן פאר צוגעטיילטע געשעפט רויבעריי טיעמס פאר ניו יארק סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג***

***נייע פעלאני שטראפן וועלן געשאפן ווערן פארן איבערפאלן א געשעפט איינגעשטעלטע***

***ביזנעס אייגנטומער וועלן האבן צוטריט צו $5 מיליאן שטייער קרעדיט פאר סעקיוריטי קאמערעס און אנדערע אנטי-רויבעריי אויסגאבן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן נייע געדאנקען אראפצוקלאפן ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי און באשיצן פארנט-ליניע געשעפט איינגעשטעלטע וועלכע ווערן אריינגערעכנט אינעם FY25 סטעיט בודזשעט צושטימונג. די גרינטליכע צוגאנג לייגט מער מאכט אין די הענט פון געזעץ אינפארסירונג, פראסעקיוטער און ביזנעס אייגנטומער - צילנדיג יעדע ארט פון שוואכקייט. גאווערנער האקול'ס מעלדונג פאלגט נאך די צושטימונג אויף FY25 סטעיט בודזשעט, וועלכע מאכט היסטארישע אינוועסטירונגען אין פובליק זיכערהייט און בויט אויף דריי יאר פון פארשריט וואס טרייבט אראפ פארברעכן לענגאויס די סטעיט.

"איך האב צוגעזאגט צו קעמפן די אפפאל פון ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי און אין די בודזשעט, האבן מיר עס געטון," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארגעשריטענע ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי אפעראציעס לייגן פארנט-ליניע געשעפט איינגעשטעלטע אויף א ריזיקע און נאכאמאל פארקויפן גערויבטע סחורה אויף אנליין מארקעט-פלעצער, און מיר נעמען נייע שריט צו ענדיגן די כאאס."

גאווערנער האקול'ס קאנצענטרירונג אויף ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי קומט נאך פארברעכן אינפארמאציע האבן געוויזן אן ערנסטע אויפשטייג אין די פארברעכן איבער די לעצטע זעקס יאר. רויבעריי פארלעצונגען אין ניו יארק סיטי זענען ארויף מיט 51 פראצענט צווישן 2017 און 2023. רויבעריי, ערנסטע גניבה און קליינע גניבה אין ניו יארק סיטי זענען ארויף מיט 86 פראצענט דורכאויס דעם זעלבן צייט אפשניט.

די FY25 סטעיט בודזשעט האט אריינגערעכנט גאווערנער האקול'ס פינף-פונקט פלאן צו קעמפן ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי:

- **הייבן קרימינאלע שטראפן** פאר סיי ווער עס פאלט איבער א געשעפט איינגעשטעלטע דורך עס הייבן פון א מיסדימינאר צו פעלאני. סיי וועלכע מענטש וואס איז גורם פיזישע שאדן צו א

געשעפט איינגעשטעלטע וועלכע פירט אויס זייער ארבעט וועט זיין אויסגעשטעלט צו די נייע פעלאני.

- **ערלויבן פראסעקיוטאר צאמצושטעלן די ווערט פון גערויבטע סחורה** ווען זיי געבן אריין לארסעני טשארדזשעס. דער בודזשעט ערלויבט געשעפט פראדוקטן פון פארשידענע געשעפטן צו ווערן צאמגערעכנט פאר די צוועקן פון דערגרייכן א העכערע לארסעני שטאפל ווען גערויבט אונטער דעם זעלבן קרימינאלע פלאן.
- **מאכן אומלעגאל דורכצופירען דאס פארקויף פון גערויבטע פראדוקטן** צו גיין נאך דריטע-פארטיי פארקויפער. א מענטש וועלכע ווערט געפונען שולדיג אויב זיי נוצן סיי וועלכע וועבזייטל אדער פיזישע לאקאציע צו פארקויפן גערויבטע פראדוקטן.
- **$40.2 מיליאן** פאר באשטימטע געשעפט רויבעריי טיעמס אינערהאלב סטעיט פאליציי, דיסטריקט אטארניס' אפיסעס און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג, אריינגערעכנט 100 ניו יארק סטעיט פאליציי איינגעשטעלטע וועלכע זענען געווידמעט צו קעמפן ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי.
- **$5 מיליאן** שטייער קרעדיט צו העלפן קליינע ביזנעסער אינוועסטירן אין צוגעלייגטע זיכערהייט מיטלען אזוי ווי קאמערעס. צו העלפן פארלייכטערן די יאך אויף קליינע ביזנעסער פאר נאך זיכערהייט מיטלען, שאפט דער בודזשעט א $3,000 שטייער קרעדיט פאר סיי וועלכע קליינע ביזנעס וועלכע געבט אויס די שטאפל סומע פון געלט אויף געשעפט רויבעריי פארמיידונג מיטלען.

גאווערנער האקול'ס געטריישאפט צו קעמפן געשעפט רויבעריי אין דעם FY25 בודזשעט בויט אויף די הויפט סטראטעגיעס וואס האבן געטריבן ווילדע פארברעכן צו היסטארישע נידריגקייטן. אין רעזולטאט פון פראגראמען ווי די רעוואלווער פארמישטע ווילדע איניציאטיוו ( Gun Involved Violence Initiative, GIVE), וועלכע שטעלט צו געלט פאר לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אין 21 קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, האבן פארברעכן פארמישט מיט רעוואלווער געזען דראמאטישע נידריגקייטן. לעצטע קווארטל, האבן GIVE געגענטער געהאט די נידריגסטע צאל שיסערייען אויפן רעקארד, און ניו יארק סיטי האט געהאט די נידריגסטע צאל שיסערייען אין סיי וועלכע קווארטל זינט די פאנדעמיק. זינט 2021, זענען מערדערייען לענגאויס די סטעיט אראפ מיט 30 פראצענט.

**ניו יארק סטעיט פאליציי הויפט סטיווען דזש. דזשעימס האט געזאגט,** מיר וועלן וייטער אויסנוצן אונזער געזעץ אינפארסירונגען שותפות צו פאראויס שטופן באמיאונגען צו פארמיידן גנבים פון צילן די שווער-ארבעטנדע בירגער פון ניו יארק. די סטעיט פאליציי איז אינגאנצן פארמישט אין דעם אנגעלעגנהייט און וועט נישט דולדן מענטשן וועלכע זענען פאראנטווארטליך פארן רויבן מיליאנען דאלארן אין פראדוקטן, מאכנדיג סיי געשעפטן און דעם פובליק פאר קרבנות. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר ווייטערדיגע שטיצע, און די ניו יארק סטעיט פאליציי שטייט גרייט צו ווידעמען די הילפסמיטלען נויטיג צו פארזיכערן די ערפאלג פון די איניציאטיוו."

**סטעיט סענעטאר דזשעסיקא סקארעלע ספענטאן האט געזאגט,** "איך האב געארבעט פאר די מיטל צו הייבן די שטראף פארן איבערפאלן א געשעפט איינגעשטעלטע צו א פעלאני וויבאלד איך פארשטיי ווי וויכטיג עס איז צו באשיצן ניו יארקער פון ווילדע פארברעכן. די פראוויזיע אין דעם בודזשעט שטעלט ווידער פאר אונזער געטריישאפט אלץ לעגיסלאטורן צו באשיצן אונזערע קליינע ביזנעסער און זייערע ארבעטער לענגאויס ניו יארק, וועלכע פרובירן בלויז צו נאכקומען די מינימאלע געברויכן. איך בין צופרידן צו האבן מיטגעארבעט מיט גאווערנער האקול צו פארזיכערן אז די מיטל ווערט צוגעלייגט צום בודזשעט."

**אסעמבלימיטגליד מעני דע לאס סענטאס האט געזאגט,** "איך באגריס גאווערנער האקול פארן זיין א שטאנדהאפטיגע קעמפער אויף די אנגייענדע פראבלעם פון געשעפט רויבעריי און פארזיכערן מיר

באשיצן אונזער געשעפט איינגעשטעלטע און די געמיינדעס זיי סערווירן דורך שטארקע פאליסי אין דעם אנגענומענעם בודזשעט. איך האב א פראבלעם מיט געשעפט רויבעריי נאכן הערן פון מיין לאקאלע סופערמארקעטס און באדעגעס וועגן זייער טעגליכע קאמף אנטקעגן די פראבלעם און זייער ביטעס פאר באשיצונג. צוזאמען, האבן מיר געשאפן א פארשלאג מיט פראקטישע שריט צו באשיצן ביזנעסער אין די קאמף, און איך פיל פארזיכערט אז די פאליסיס וועלן האבן אן ערנסטן אימפאקט פאר ארבעטער און קליינע ביזנעסער לענגאויס ניו יארק סיטי און די סטעיט."

**ברוקלין דיסטריקט אטארני עריק גאנזאלעס האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי האט געמאכט באדייטענדע פארשריט צו קעמפן געוואלדטאטן אין אונזערע געמיינדעס, און איך באגריס גאווערנער האקול און דער לעגיסלאטור פאר זייער פירערשאפט צו אפהאלטן געשעפט רויבעריי און באשיצן געשעפט איינגעשטעלטע אין דאס יאר'ס סטעיט בודזשעט. די לעגיסלאציע צייכנט אפ א וויכטיגע שריט אין אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו פארזיכערן זיכערהייט און שוץ פאר ניו יארקער און געבן געלט צו בויען אויף ווירקזאמע אנטי-רויבעריי פראגראמען, אריינגערעכנט אונזער טרעספעס אפידעיוויט פראגראם צו אפהאלטן נאכאנאנדע פארלעצער, צייכנט אפ א געזונטע געטריישאפט צו אפהאלטן געשעפט רויבעריי. מיר מאכן א קלארע דערקלערונג דורך ארבעטן צוזאמען: אונזערע געמיינדעס און די מענטשן וואס ארבעטן שווער וואס סערווירן זיי קומט זיך זיי צו ארבעטן אין סביבות פריי פון געזעצלאזיגקייט און מורא."

**קווינס דיסטריקט אטארני מעלינדע כ"ץ האט געזאגט** "מיר דארפן טון אלעס וואס מיר קענען צו קעמפן אנטקעגן געשעפט רויבעריי צו שטיצן לאקאלע ביזנעסער, זייערע איינגעשטעלטע און איינקויפער. א דאנק צו גאווערנער האקול פארן אונז געבן נאך געצייג צו העלפן קעמפן אנטקעגן געשעפט רויבעריי אריינגערעכנט העכערע שטראפן פאר די פארברעך פון איבערפאלן א געשעפט איינגעשטעלטע. אונזערע געמיינדעס בליען ווען לאקאלע ביזנעסער בליען און מיר וועלן ווייטער ארבעטן צו שאפן א זיכערע סביבה פאר פארקויפער און איינוואוינער צוגלייך."

**געשעפט קאונסיל פון ניו יארק סטעיט פרעזידענט און הויפט מעליסע א'קאננאר האט געזאגט,** "די געשעפט אינדוסטריע שטיצט שטארק יעדע בודזשעט פראוויזיע פארבינדן צו ארגאניזירטע געשעפט רויבעריי און געוועגליכע געשעפט רויבעריי אין ניו יארק סטעיט, וויבאלד מיר האבן דאס געשטעלט פאר א פריאריטעט פון די געדאנקען פאר יארן. איך וויל באדאנקען גאווערנער קעטי האקול פארן אויסהערן די פראבלעמען וואס געשעפטן און איינגעשטעלטע ספראווענען זיך מיט, און אונז פירן צו א פונקט וואו מיר וועלן אט האבן נייע געזעצן צו ווירקזאמערהייט פארמיידן די אומלעגאלע שריט. אונזער ארבעט אויף געשעפט און געמיינדע זיכערהייט וועט זיך נישט אויפהערן נאכן אויספירונג פון דאס יאר'ס סטעיט בודזשעט. מיר וועלן ווייטער זיין פארמישט מיט אלע סטעיקהאלטער צו פארזיכערן א זיכערע איינקויף סביבה פאר אלע ניו יארקער."

**דער ביזנעס קאונסיל פון ניו יארק סטעיט אינק. הויפט וויצע פרעזידענט פאול זובער האט געזאגט,** "געשעפט רויבעריי איז געווארן א הויפט זארג פאר ביזנעסער לענגאויס די סטעיט, איבערהויפט קליינע ביזנעסער מיט אויסגעשטעלטע פראדוקטן, וועלכע לאזט זיי אויסגעשטעלט צו אזעלכע פארברעכן. מיר דאנקען דעם גאווערנער פאר שטעלן די פארמערטע זיכערהייט מיטלען פאר א פריאריטעט און פארן שיצן די וואס געבן דזשאבס און ביישטייערן צו די סטעיט און לאקאלע עקאנאמיעס."

**דער שותפות פאר ניו יארק סיטי פרעזידענט און הויפט קעטי ווײלד האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט פאסיג זיך געשטעלט אויף אפשטעלן נאכאנאנדע געשעפט רויבעריי, איינע פון די מערסטע זעבארע און זארגנדע פובליק זיכערהייט פראבלעמען אין סיטיס לענגאויס אמעריקע. אירע שריט וועלן פארמינערן סיי רויבעריי און שעדיגונג פאר געשעפט איינגעשטעלט, וועלכע איז וויכטיג צוריקצושטעלן פובליק קאנפידענץ אין די אויספיר פון געזעץ."

**CAPS גרינדער נעלסאן יוסאביאו האט געזאגט,** "מיר באגריסן גאווערנער קעטי האקול פאר נישט נאר זיך שטעלן אויף געשעפט רויבעריי, נאר אויך אויספירן פאר אונזערע געשעפטן, איינגעשטעלטע און איינקויפער. דער סטעיט בודזשעט איז אן עכטע געוואונס, און עס אדרעסירט די פראבלעם פון געשעפט רויבעריי. געשעפט איינגעשטעלטע, וועלכע זענען גערעכנט געווארן עסענשאל דורכאויס דעם פאנדעמיק האבן געדארפט הילף, און מיר זענען צופרידן אז גאווערנער האקול און דער סטעיט לעגיסלאטור האבן עס אויסגעפירט פאר זיי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן